# דער בלאַט

צייטשריפט פון אלוועלטליכן אָרטאָדאָקסישן אידנטום

DER BLATT

VOICE OF WORLDWIDE ORTHODOX JEWRY

פרייטאג פר׳ בהר-בחקותי
כ״א אייר


# אוצר

מוסר · חיזוק · הליכות והלכות · השקפה · סיפורי צדיקים · היסטאריע · הילולא דצדיק׳א

6




## פְּקוּדֵי הָעֵדָה בְּשֶׁקֶל הַקּוֹדֶשׁ

**איין יאָר, פינף חלוקות, אַנדערטהאַלבן מיליאָן דאָלאַר, פאַר קנאַפע 100 מוסדות על טהרת הקודש**

פארגאנגען


מיט׳ן קרעטשניפער רבי אין ישיבה 13
רבי משה גרין זצ״ל 17
דער שלאַכט ביי מידווע׳ 20


וועכנטליך


צוויי בלוטיגע דיאמאנטן 22
ערציילונג לכבוד שבת 24
מודה אני 25
ביי מיר האט עס פאסירט 26
הילולא דצדיקיא 28
די היסטאריע פון תקופת בית שני 30
יארצייטן 31
אוצרות דוד לייב 32


9



## בן המלך והתייר

אַ חיבור פארפאסט דורך אַ אינדישן פילאָזאָף און נתקדש ונטהר געוואָרן דורך רבינו אברהם בר חסדאי

2



ווער האט אויסגעטרינקען דאָס גלעזעלע הבדלה ווין

## אויפ׳ן באַן קיין אוישוויץ?

צו די הילולא פון הגאון הצדיק **בעל שערי הישר מליסקא** זצ״ל הי״ד, כ״ז אייר



צו די הילולא פון
הגאון הצדיק
**בעל שערי הישר**
**מליסקא** זצ"ל
הי"ד, כ"ז אייר

### ווער האט אויסגעטראכט
### דאָס גלעזלעכע הבדלה ווייַן

# אויפ'ן באַן קיין אוישוויץ?

**דורך: נ.ב.צ.**

קומענדיגע וואָך דאָנערשטאָג פרשת במדבר, כ"ז אייר, וועט אויספאַלן די יומא דהילולא פון הגאון הצדיק רבי צבי הירש פריעדלאנדער זצוק"ל הי"ד בעל שערי הישר, וועלכער איז געווען דער דריטער רבי לבית ליסקא און האט באַלאָכטן דעם אונגארישן אידנטום ביז די צווייטע וועלט קריג, מיט 75 יאָר צוריק.

אין די צייט וואס אידן מכל קצוי תבל פאָרן צום ציון הקדוש פונעם אך פרי תבואה זי"ע, בפרט אין זיין הילולא י"ד אב, ווי אויך צום ציון פון חתנו כבנו בעל טל חיים זצוק"ל, בפרט אין זיין הילולא ט' אייר, איז אבער אַ פאַקט אַז צום ציון פונעם "שערי הישר", אדער ווי גערופן "רבי הערשעלע השני מליסקא", פאָרט מען נישט, ווייל ליידער איז נישט דאָ וואו צו פאָרן.

דאָס איז זייער ווייטאגליך ווייל אויב האָט עמיצער "באַלאַנגט" אין דעם אוהל, איז עס געוויס דער שערי הישר וועלכער האָט דאָך געהאַט אַ העכערן סאָרט בעלות אויף דעם ציון. ער האָט זאָגאַר באַוויזן דעם מופת נורא אַז די וואַנט פונעם אוהל האָט זיך גערוקט, ווי עס איז לעצטנס באשריבן געוואָרן די עובדא ביים יאָרצייט פון טל חיים, ווי פאָלגנד:

נאָך די פלוצימע פטירה פונעם טל חיים איז מען געגאַנגען קוקן צי מען קען אים באַהאַלטן אין אוהל, אָבער מען האָט געזען אַז עס נישט דאָ קיין פלאַץ. איז זיין זון, הגה"צ רבי צבי הירש השני מליסקא זצ"ל בעל שערי הישר אַרויף מיט אַ מנין צום ציון פונעם אך פרי תבואה און געבעטן, אַז היות ער [זיין איידעם] איז אים געווען אַזוי נאָנט ביים האַרצן, בעט מען ער זאָל אים מאַכן פלאַץ אינעם אוהל.

צופרי ביי די לוי' האָט מען געזען ווי איין וואַנט פונעם אוהל האָט זיך וואונדערליך גערוקט! עס איז געווען אַ פלא בתוך פלא, ווייל דער דאַך האָט זיך נישט אויסגעברייטערט, בלויז די וואַנט האָט זיך גערוקט, וואָס האָט געוויזן אַז דער גרויסער שווער האָט ווירקליך געמאַכט פלאַץ פאַר זיין גרויסן איידעם. (ביז די מלחמה איז דאָס געבליבן אַזוי, מיט'ן אָפענעם דאַך און אָפגערוקטער וואַנט. נאָך די מלחמה ווען מען האָט רענאָווירט דעם אוהל האָט מען פאַרראָכטן דעם דאַך אויך, אבער מען קען נאָך ביז היינט זען ווי דער טל חיים ליגט גאַנץ ביים עק נעבן די וואַנט).

איצט אז מען האט – ווי שוין באריכטעט אין "דער בלאט" – גאנץ לעצטנס זוכה געווען איבערצושרייבן דעם בעלות פונעם ליסקא בית החיים אונטער קהלה קדושה ליסקא בניו יארק, און מען וועט רענאָווירן דעם ציון, און צום הויפּט בעל שמחה קען מען ליידער נישט גיין, איז נישט מער ווי "יושר" צו שרייבן אביסל וועגן דעם "שערי הישר" און דערמאנען זכרונו לטובה לכבוד זיין הילולא כ"ז אייר.

בפרט איז כדאי צו שילדערן זיין מורא'דיגן הסתלקות, וויאזוי ער האָט עטליכע יאָר פריער נאָך געווארנט וועגן דעם גרויסן חורבן וואָס גייט קומען אויף כלל ישראל, און וויאַזוי ער האָט במשך די קריג מרעיש עולמות געווען און דאן צום לעצט, וויאזוי ער האָט זיך מקדש ומטהר געווען בסילודין ביים אומקומען אין אוישוויץ על קדושת שמו יתברך.

## אַ גאון וחריף בנגלה ובנסתר

דער "שערי הישר" איז געבוירן געווארן אין יאר תרל"ד צו זיין פאטער הגה"ק רבי חיים פריעדלענדער זצוק"ל בעל טל חיים מליסקא, אַ קורצע צייט נאכ'ן הסתלקות פון זיין זיידן הרב הקדוש רבי צבי הירש מליסקא זי"ע בעל אך פרי תבואה, וואָס על שמו איז ער גערופן געוואָרן.

חסידים האבן דערציילט אז אין לעצטן יאר פונעם אך פרי תבואה זי"ע, האָט ער אמאל געזאגט פאר'ן איידעם דער טל חיים, אז יענעם טאג וועט איינער ברענגען צו זיי אין שטוב אַ פיש צו פארקויפן און זיין רביצין קריינטשא ע"ה זאל עס אפקויפן, זי זאל עס אפקאכן און אויפעסן דעם קאפ. דער אך פרי תבואה האט פאראויסגעזאגט ברוח קדשו אז דאס איז מרמז, אז היי-יאר וועט זי געבוירן א זון וועלכער וועט אויסוואקסן א גרויסער עילוי, ובל"ק: "ער וועט זיין אַ קאַרפּן-קאָפּ".

וכך הוה, יענעם טאג איז צו זיין אין שטוב אריינגעקומען א פיש-כאפער און אנגעטראגן צו פארקויפן א גרויסן פיש. די רביצין האט געפּאָלגט וואָס דער אך פרי תבואה האָט געהייסן און דער שערי הישר איז טאַקע אויסגעוואַקסן אַ "קאַרפּן קאָפּ" במלוא מובן המילה. אין עלטער פון 17 יאָר האט ער באקומען סמיכה פון די גדולי הדור הגאון רבי יצחק שמעלקיש זצ"ל בעל בית יצחק פון לעמבערג און הגה"ק בעל דרכי תשובה ממונקאטש זי"ע און הגאון רבי שרגא צבי טענענבוים זצ"ל בעל נטע שורק מטשאטה.

ער איז אויך געוואַקסן אַ גאון אין תורת הנסתר. זיין פאטער דער טל חיים וועלכער איז געווען באקאנט אלס בעל מקובל עצום, האט געלערנט מיט אים די חכמה. שפעטער האט ער אליינס ממשיך געווען צו לערנען דעם חכמת הקבלה און ער האט מחבר געווען עטליכע ספרים בדרך הקבלה, צווישן זיי: א פירוש אויפ'ן פרי עץ חיים, א פירוש אויף שיר השירים בדרך הקבלה און נאך.

## אויף איין ליסטע מיט'ן לבושי מרדכי

ער האָט חתונה געהאַט קיין מאַד, מיט די טאָכטער פון הרב החסיד המפורסם רבי יצחק אייזיק ז"ל, וועלכער איז געווען א חסיד פון זיין פאטער דער טל חיים.

אַלס יונגערמאַן איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס דומ"ץ אין מאַד און אויך געעפנט אַ ישיבה. מערקווירדיג, אַז נאָכ'ן הסתלקות פון מאַדער רב איז דער יונגערמאן ר' הערש פריעדלאנדער געווען אויף איין ליסטע פון קאַנדידאַטן איבערצונעמען דאָס רבנות, צוזאַמען מיט הגאון האדיר רבי מרדכי לייב ווינקלער זצ"ל בעל לבושי מרדכי. ווי פאַרשטענדליך האָט מען אויפגענומען דעם לבושי מרדכי וועלכער איז געווען פיל עלטער און שוין דאַן געווען פאַררעכנט ווי א גאון הדור.

אין בלויזן עלטער פון 25 יאָר איז ער געוואָרן רב אין שטעטל "גאַווע". ביים באַזעצן דאָס רבנות איז דער לבושי מרדכי מיטגעפאָרן און אים באַגלייט ביז קיין גאַווע. זיין פאטער הגה"ק בעל טל חיים זצ"ל האט זיך אויסגעדרוקט אויף אים: "מיין רבי הערשעלע איז טאקע רב אין גאווע, אבער ער איז

ווייט פון די מדה פון גאוה", וואָס איז געווען נישט בלויז אַ מליצה, נאָר אויך אמת לאמיתו, זייענדיג אַ געוואלדיגער עניו ושפל ברך, דורכגענומען מיט אהבת ישראל, ווען עס האָט געפּאַסט זיך צו באַפּאַסן מיט די פּראָסטע און נידעריגסטע אידן, זיי מקרב צו זיין מיט ליבשאַפט צו השי"ת און זיין תורה הקדושה.

## "מען האָט געזען אַז די שכינה רוט אויף אים"

אין יאָר תרס"ד ביים פּלוצלונגדיגן הסתלקות פונעם טל חיים, איז זיין זון דער גאָוואַר רב געווען אַ יונגערמאַן פון בלויז 30 יאָר. אָבער נאָך די מעשה מיט'ן רוקן דעם וואַנט פונעם אוהל און מאַכן פּלאַץ פאַר זיין פאָטער, איז נישט געווען קיין שאלה אַז ער איז ראוי לאותו איצטלא, נישט בלויז ממשיך צו זיין דאָס רבנות נאָר אויך דעם שלשלת הזהב פון אדמורו"ת ליסקא.

אַ תלמיד פונעם שערי הישר, הרה"ח ר' שמואל גאָלדשטיין ז"ל, וועלכער האָט איבערגעלעבט די קריג און געוואוינט שפּעטער אין ארץ ישראל אין חיפה, האָט אַרויסגעגעבן אַ ספר הזכרונות פון ליסקא אין וועלכן ער שילדערט דעם מהות און התנהגות פון זיין גרויסן רבי'ן:

"מען האָט געזען עין בעין אַז די שכינה רוט אויף זיין פּנים. אַ גאָט געבענטשטע שיינקייט און פיינקייט האָט געגלאַנצט פון זיין הדרת פּנים'דיגער ערשיינונג, וואָס האָט אַזש יעדן פאַרכאַפּט.

"ער פלעגט פּראַווען התבודדות, געציטערט פון ביטול תורה, זיך דערווייטערט פון פּאָליטיק און נישט דערלאָזט פּאָליטיק פירן זיין הויז.

"ער איז געווען אַ פּאַלקס-רבי; צענדליגער אידן, מענער און פרויען, האָבן טאָג טעגליך געוואַרט ביז אין דער האַלבער נאַכט אויף זיין רבישע עצה און הייליגע ברכות וישועות."

## מופתים נאָך אַלץ יונגערמאַנטשיק

אינדערהיים אין אונגאַרן איז געווען אַ דבר מפורסם וידוע אַז דער שערי הישר, ווי זיינע אבות הקדושים, האָט זיך מוסר נפש געווען צו פועל'ן ישועות פאַר אידישע קינדער. מען דערציילט איבער דעם אַ דבר נורא. איינער האָט אַמאָל געפרעגט דעם שערי הישר, "וואָס איז דער חילוק צווישן אַ רבי און אַ רב?".

האָט ער געענטפערט בשם זיין הייליגן זיידן רבי הערשעלע ליסקער זי"ע: "צו זיין אַ רב דאַרף מען מוותר זיין אויפ'ן עולם הזה. צו זיין אַ רבי דאַרף מען מוותר זיין אויך אויף עולם הבא!"

די תשובה פונעם שערי הישר איז נישט געווען אומזיסט. ער איז געווען דערבי". ער איז גרייט געווען זיך וואַקצוגעבן פאַר אַ צווייטן איד בלב ובנפש בגוף ובנשמה.

אַ פלא והפלא איז, אַז אלס יונגער יונגערמאַנטשיק זענען אידן שוין געהאָלפן געוואָרן מיט מופתים וישועות דורך זיינע תפלות. נאָך אלס רב אין שטעטל גאָווע איז ער אַמאָל געפאָרן צו אַ חתונה פון זיינ'ס אַ תלמיד און זייענדיג אין יענע פּרעמדע שטאָט קומט צו אים צו אַן אלטער ליסקער חסיד, מיט אַ קוויטל און פדיון אַז זיין ווייב איז ל"ע געלעמט געוואָרן אויף דער לינקער זייט און דאַרף גרויס רחמים.

דער שערי הישר האָט אים אָנגעקוקט, "פאַר מיר געסטו אַ קוויטל? איך בין קוים געוואָרן אַ רב, איך ווייס גאָרנישט פון רביסטעווע צו זאָגן. אַז איר זענט אַ ליסקער חסיד פאָרט צו מיין פאָטער דער טל חיים אין ליסקא".

אבער דער עלטערער חסיד האָט זיך גענומען איינ'טענה'ן: "איך בין נאָך געפאָרן צו אייער זיידן דער אך פרי תבואה, איך בין געווען געפאָרן צו אייער טאַטן דער טל חיים, אבער איצט בין איך שוין אַלט, איך דאַרף באַדינען אַ קראַנקע ווייב און



זעלטענער בילד פון בעל שערי הישר מליסקא זצ"ל זיצנדיג אינעם אויטאָ



זה השער לה' צדיקים יבאו בו

ספר

תהלים

עם פירוש שערי הישר אשר חנני ה' בזכות אבותי הקדושים זי"ע לפרש בדרך פרדס בהקדמת אמתיים ועל אגדות ודרשות חכז"ל המה מיוסדים

ממני הק' צבי הירש

הרב מליסקא יע"א

בשנת כי בזה יקום סכת דוד לפ"ק

ינחני במעגלי צדק

הישר לפני דרכך

בודאפעסט תרצ"ד

נדפס בדפוס של משלם (זלמן) כ"ץ קאטצבורג

בן אאמו"ר הה"ג מו"ה דוד צבי שליט"א דעורך ה.תל תלפיות.

Druck von Salamon Katzburg Budapest, Dob ucca 28.

שער בלאַט פון אָריגינעלן דרוק פון ספר "שערי הישר" אויף תהלים, פון רבי הערשעלע (השני) מליסקא זצ"ל הי"ד

איך האָב נישט קיין כח צו פאָרן קיין ליסקא. איך בין מאמין באמונה שלימה, אויב דער זיידע און טאַטע האָבן געקענט העלפן, קען דער אייניקל אויך".

דער גאַווע רב האָט אים געענטפערט: "אויב איר האָט טאַקע אַזאַ אמונת צדיקים, מיט אמונה קען מען אַלעס פועל'ן".

וכך הוה, דאָס ווייב פון דעם איד איז געזונט און שטאַרק געוואָרן כאחד האדם, זינט דעמאָלט איז דער נאָמען פונעם יונגען גאַווע רב אַרויס אלס "גוטער איד" און מען האָט אים שוין דעמאָלט, נאָך בחיים חיותו פון זיין פאָטער זצ"ל, אַ יונגערמאַן אין די צוואַנציגער יאָרן! אָנגעהויבן מוטשען און דערקוטשען נאָך ברכות וישועות.

דער באַקאַנטער גאון וצדיק, דער ראַדאַמישלער רב פון לאַנדאַן הגה"צ רבי אלחנן האלפּערין זצ"ל, וועלכער האָט איידער די קריג געוואוינט אין קאַשוי, האָט דערציילט, אַז אין קאַשוי איז געווען אַ אידישע פּאָרפּאָלק וואָס האָט זיך נישט געפירט אַזוי ערליך. דאָס פּאָרפּאָלק האָט לאַנגע יאָרן נישט געהאַט קיין קינדער, זענען זיי געפאָרן קיין ליסקא צום שערי הישר זיך מזכיר זיין. האָט דער ליסקער רבי זיי מבטיח געווען אַז אויב זיי נעמען זיך אונטער צו פירן ערליך וועלן זיי געהאָלפן ווערן מיט אַ בן זכר.

וכך הוה, נישט לאַנג דערויף זענען זיי געהאָלפן געוואָרן מיט אַ אינגעלע און דער לאָנדאָן-ראַדימישלער רב זצ"ל האָט געדענקט ווי דער שערי הישר איז געקומען קיין קאַשוי אויף סנדקאות, וואָס איז געווען דאָס איינציגסטע מאָל ווען רבי אלחנן זצ"ל האָט אים זוכה געווען צו זען.

## איינקויפן ווייִן-פעסער און נישט פאַרקויפן!

אמאל פאַר פסח איז אַריינגעקומען צום שערי הישר אַ איד און געוואָלט אַריינגיין צום רבי'ן. זאָגט אים דער גבאי אַז דער רבי לערנט יעצט פאַר דעם שיעור פאַר די בחורים אין ישיבה, נאָכדעם וועט ער קענען אריינגיין. דער איד האָט געוואַרט, נאָכ'ן שיעור איז ער אריין און זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ אַז ער האָט אַ געשעפט פון סחורה אבער לעצטנס ברענגט דאָס געשעפט נישט קיין פרנסה און ער וויל פאַרשפּאַרן דאָס געשעפט.

זאָגט אים דער שערי הישר, אויפגעבן דאָס געשעפט זאָלסטו נישט, ווייל וויבאַלד דאָס געשעפט איז אָפּן קענסטו גרינגער באַקומען קרעדיט. "איך הייס דיר, מיט דעם קרעדיט זאָלסט מער נישט איינקויפן סחורה נאָר ענדערש איינקויפן ווייִן-פעסער".

עס איז דעם איד געווען אַ וואונדער, ווייל ער איז בכלל נישט געווען אין די ליניע פון ווייִן-פעסער. אבער אַז דער רבי הייסט איז ער אהיימגעפאָרן און זיך גענומען באַרגן געלט. און ווי דער רבי האָט געזאָגט, זייענדיג אַ געשעפט אייגנטומער האָבן מענטשן אים געטרויעט און געבאָרגט. מיט'ן געלט איז ער געפאָרן אין מאַרק.

ווי נאָר ער קומט אָן אין מאַרק לויפט אים נאָך אַ גוי און טראָגט אים אָן צו קויפן אַ גרויסע צאָל ווייִן-פעסער. עס האָט אויסגעזען ווי דער גוי איז אַזוי פאַרצווייפלט צו פאַרקויפן די פעסער, ווייל ער האָט דאָס פאַרקויפט פאַר חצי בחנם ממש.

דער איד ברענגט אַהיים די פעסער און וואַרט אַ חודש צוויי, אבער קיינער קויפט דאָס נישט און דאָ דרוקן די בעלי חובות. קומט ער ווידער צום ליסקער רבי'ן און באַקלאָגט זיך אַז קיינער וויל נישט קויפן די פעסער. זאָגט אים דער רבי: פאַרקויפן? איבערהויפּט נישט. דו האַלט נאָך די פעסער ביז'ן קומענדיגן ווייִן סעזאָן און דאַן וועט די ישועה קומען כהרף עין.

ארויסגעשטעלט האָט זיך ביים קומענדיגן סעזאָן פון טרויבן שניידן, אַז יענעם יאָר איז געוואַקסן אַ ריזיגער קוואַנטום טרויבן, פיל מער ווי אין אַ געווענליך יאָר. די ווייִן מאַכער האָבן פשוט נישט געהאַט גענוג פעסער פאַר'ן ווייִן און דער איד האָט פאַרקויפט אלע זיינע פעסער פאַר'ן דאָפּלטן פּרייז, און פון איין מינוט אויפן צווייטן איז ער געוואָרן אַ גרויסער עושר.

## געטראָפן דעם קערפער פונעם גוי אין טייך

זיין נאָמען אלס בעל מופת איז געווען צעשפּרייט סיי

צווישן אידן און סיי צווישן, להבדיל, גוים. עס האט אמאל פאסירט אז א גוי איז דערטרונקען געווארן אינעם טייך נעבן ליסקא. איז די משפחה געקומען צום שערי הישר און געבעטן זיין ברכה מען זאל טרעפן דעם קערפער פונעם גוי, מען זאל אים כאטש קענען באערדיגן.

דער שערי הישר האט באפוילן מען זאל נעמען א "מילטער" (אַ "פּאַנעל") און דאָס לאָזן שווימען אויפ'ן וואַסער און דאָרט וואו ס'וועט זיך אָפּשטעלן זאָל מען זוכן דעם קערפער.

אַזוי איז טאַקע געווען, מען האָט דאָרט געטראָפן דעם קערפער און די גאַנצע שטאָט האָט גע'רעש'ט פון דעם מופת פונעם אידישן "ראבינער".

## מרעיש עולמות לטובת כלל ישראל

גלייך נאכ'ן אויסברוך פון די צווייטע וועלט קריג, אלול תרצ"ט, ווען דאס דייטשע מיליטער האבן אריינגעדרונגען אין פוילן און אנגעהויבן חרוב מאכן אידישע קהלות, איז דער שערי הישר זצ"ל געווארן אזוי בצער אזש זיין פנים איז פארשווארצט געווארן.

אנדערש ווי פילע אונגארישע אידן וועלכע האבן נישט געגלויבט וואס גייט פאַר אין שכנות'דיגן פוילן האָט רבי הערשעלע ליסקער השני מרגיש געווען די גרויסע סכנה אין וועלכע כלל ישראל געפינט זיך; ער האט נישט אויפגעהערט וויינען אויפ'ן גרויסן אומגליק וואס האט באטראפן דעם פוילישן אידנטום און מתפלל זיין פאַר'ן וואוילזיין פון אידישע קינדער.

זינט יענעם חודש אלול איז דער שערי הישר מער נישט געשלאפן אין קיין בעט, ביז זיין לעצטן טאג. נכדו כ"ק אדמו"ר מהינבוב שליט"א דערציילט אלץ וואס ער האט געהערט פון זיין פאָטער, כ"ק אדמו"ר רבי יוזפא זצ"ל, וועלכער האָט דערציילט אַז גאַנץ ביים אָנהויב פון די קריג האָט ער איינמאל געזעען ווי זיין פאָטער איז איין קאַלטע ווינטער נאַכט אויפגעשטאַנען קורץ נאָכדעם וואָס ער איז זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן. ער האָט אָנגעהאָט זיין לייכטע שלאָף מלבוש און זיך געשטעלט ביי די טיר ביי די מזוזה און געזאָגט ווי פאָלגנד:

"רבונו של עולם, וויאַזוי קען איך שלאָפן אין אַ וואַרעמע בעט אַז אין פוילן רודפ'ט מען אידן? ווי קענסטו לאָזן די וועלט אַזוי אָנגיין? מיר אידן ליידן אַלע ערליי יסורים, זיי זיך מרחם אויף כלל ישראל".

אַזוי איז ער געשטאַנען ביי די מזוזה און אויסגעגאָסן זיין האַרץ צו השי"ת אַ לאַנגע צייט.

ביי די טישן וואס ער האט געפירט אין די ביטערע צייטן פון די צווייטע וועלט קריג, איבערהויפט ביי שלש סעודות, פלעגט ער פארגיסן טייכן טרערן אויף די ביטערע צרות. ער האט איינגעריסן מ'זאָל מעורר רחמים זיין פאַר פוילישע אידן וואָס ווערן געפירט ווי שאָף צו די שחיטה און אין די זעלבע צייט גערופן צום עולם אז אויך אונגארישע אידן טאָרן נישט זיצן מיט פארלייגטע הענט, מען מוז זוכן וועגן פון הצלה, צו אנטלויפן צו א פאַרזיכערט ארט.

ער אליין האט אבער נישט געוואלט הערן פון אנטלויפן, טראָץ ער האט געהאט די מעגליכקייט דערצו, ווייל ער האט נישט געוואלט פארלאזן זיין עדה הקדושה.

## דעם לעצטן יתגדל

אין יאָר תש"ד ווען די שווארצע וואלקנס האָבן זיך באַוויזן העכער אונגארן, אבער אונגארישע אידן זענען נאָך אלץ געבליבן פאַסיוו, מיט אַ זעלבסט-איינרעדעניש אז צו זיי וועט גאָרנישט פאַסירן, האָט דער שערי הישר איינמאל אין א שלש סעודות תורה (אדער אין א דרשה) געזאָגט מורא'דיגע ווערטער:

"די אלע צרות זענען דאך נסיונות. דער אויבערשטער וויל אידן זאָלן תשובה טון. מ'וועקט פון הימל, אבער ליידער ליידער, אידן וועקן זיך נישט אויף פון שלאָף.

"דאס דערמאנט מיך די מעשה פון אַ איד ר' זלמן ביי אונז אין גאַווע, דאָס שטעטל וואו איך בין געווען רב איידער ליסקא.

"אין שטעטל גאַווע האָבן אלע אידן געוואוינט אויף איין לאנגע גאַס. יעדעס יאָר אין די נאַכט פון א' סליחות ווען דער שמש פלעגט אַרומגיין קלאַפּן אויף די טירן און פענסטער אויפוועקן צו סליחות, האָט ער אָנגעהויבן פון אויבערשטן מאַרק, און אַזוי געגאַנגען אַראָפּ די גאַס ביז ער איז אָנגעקומען אין שול, וואָס האט זיך געפונען ביים עק פון שטעטל, ביים אונטערשטן מאַרק.

"דער שמש פלעגט עטליכע מאָל קלאַפּן מיט זיין דיקן שטעקן אויפ'ן טיר פון יעדן אידישן הויז, צוויי-דריי מאל האָט ער אַ שריי געגעבן "אידן שטייט אויף צו סליחות" און געגאַנגען צום נעקסטן הויז. נאָכ'ן ענדיגן די גאַנצע גאַס איז ער אָנגעקומען אין שול וואו ער האָט געקלאפט מיט זיין שטעקן אויפ'ן טיש פונעם פּאָליש דריי מאָל אלס סימן אז ער האט שוין אויפגעוועקט אלע בעלי בתים אין גאַווע. גלייך ווי מען האָט געהערט אין שוהל דעם סימן האָט מען אין שוהל אָנגעהויבן זאָגן סליחות.

"האט איינמאָל פּאַסירט אַז דער שמש האט אויפגעוועקט דעם עולם א' סליחות ווי זיין שטייגער, אבער ר' זלמן וועלכער האט געוואוינט נעבן די שול איז ווייטער געשלאפן. ער איז געשלאָפן זייער טיף און נישט דערהערט דאָס קלאַפּעריי פונעם שמש, ווי אויך נישט זיין באַסאָווע שטימע וואָס האָט געשריגן "שטייט אויף צו סליחות". זיין פרוי האט אבער יאָ געהערט די קולות פונדערווייטנס, האָט זי געשריגן צו איר מאַן "זלמן זלמן, שטיי שנעל אויף. מ'וועקט שוין צו סליחות".

"אבער זלמן איז געשלאָפן צו באַקוועם און ס'האָט אים אינגאַנצן נישט געגלוסט אויפצושטיין. האט ער אַ פרעג געטון זיין ווייב, 'זאָג מיר נאָר וואו דער שמש האַלט, ביי וועלכן הויז קלאַפּט ער יעצט?' זיין פרוי ענטפערט אים, "ביי ר' דוד". ענטפערט רי זלמן, "נו מילא, כ'האב נאך צייט אויפצושטיין", און גלייך דרייט ער זיך איבער אויף זיין בעט אויף די צווייטע זייט, קלערנדיג ביי זיך: 'מען קלאַפּט טאַקע, אָבער ס'איז נאָך ווייט'.

"דאַן הערט ר' זלמן ווי זיין פרוי שרייט ווייטער, 'שטיי אויף שנעל, מ'קלאַפּט שוין זייער נאָנט'. אבער ר' זלמן איילט זיך ווייטער נישט אויפצושטיין; עס איז נאָך דא צייט. אינצווישן דערנענטערט זיך שוין דער שמש צום נעקסטן הויז און זיין פרוי מאַכט אַ גרויסן רעש, 'זלמן שטיי אויף. מ'קלאַפּט שוין ביי שכן'. אבער ר' זלמן איז איז נישט פון די פחדנים. ער דרייט זיך ווידער אויף די אַנדערע זייט און זינקט איין אין אַ גאָר טיפן שלאָף, אַזוי טיף אַז ער הערט ניטאָמאָל ווי מ'קלאַפּט שוין אויף זיין אייגענעם טיר, און די געוויינען און געשרייען פון זיין פרוי 'זלמן מ'קלאַפּט שוין ביי אונז'. עס איז מורא'דיג שפּעט'. ער שלאָפט זיך ווייטער רואיג מיט זיסע חלומות.

"זיין פרוי, זעענדיג אַז עס גייט נישט, האָט זי' אַראָפּגעשלעפט די דאָכענע פון אים און שאָקלט אויף דאָס בעט מיט קולי קולות, 'זלמן זלמן, שטיי אויף צו סליחות. דער שמש איז שוין דורכגעגאַנגען די גאַנצע גאַס; ער איז שוין אין שוהל'. דעמאלט וועקט זיך ר' זלמן ענדליך אויף, ער שפּרינגט אַרויס פון בעט טוט זיך שנעל אָן און לויפט אין שול – אבער


ספר

שערי הישר

פירוש יקר על תהלים

אשר חברו כ"ק הגאון הקדוש שר התורה
בנגלה ובנסתר חסידא ופרישא

מרן צבי הירש פריעדלאנדער
הי"ד זצוקללה"ה
אב"ד דק"ק ליסקא יצ"ו

יו"ל מחדש ע"י נכדי המחבר
צבי הירש פריעדלאנדער הרב מליסקא
יע"א
אברהם יהושע העשיל פריעדלאנדער
ברוקלין, ניו יארק
שנת תשל"ט לפ"ק

**דער ספר תהלים ווי ס'איז איבערגעדרוקט געוואָרן דורך נכדי המחבר**



**דאָס הויז פון די ליסקער רביים זי"ע אין שטאָט ליסקא**



**אַן אַלטער פּאָסט קאַרטל פון די שטאָט ליסקא**

ער האָט שוין פאַרשפּעטיגט די צייט, ער איז שוין אָנגעקומען צום לעצטן יתגדל".

דאָ האָט דער ליסקער רבי בעל שערי הישר אויפגעהויבן זיין שטימע מיט אַ געשריי:

"מ'האָט געקלאַפּט אין דייטשלאַנד, און מיר זענען געבליבן שלאָפן. מ'האָט געקלאַפּט אין עסטרייך, נישט ווייט פון אונז, און מיר האָבן זיך איבערגעדרייט אויף די צווייטע זייט. מ'האָט געקלאַפּט אין פוילן, מ'האָט געקלאַפּט ביי אונזער שכן סלאָוואָקיי אבער מיר האבן ממשיך געווען צו שלאפן רואיג. איצט שטייט שוין דער שטן המשחית אונטער אונזער טיר. מ'קלאַפּט שוין ביי אונז! אבער מ'וועקט זיך נאך אלץ נישט אויף. מ'שלאפט ווייטער א טיפן שלאף. איך האָב מורא, מיין הארץ איז פול מיט שרעק, אז דורכ'ן שלאפן וועלן מיר פארשפעטיגן, און מיר וועלן אנקומען שוין צום לעצטן יתגדל".

וכך הוה. נישט לאַנג דערויף האָט זיך פאַרשפּרייט די שמועה ווי אַ דונער אינמיטן העלן טאג אז די נאציס האבן איינגענומען אונגארן.

# דאָס שטעטעלע ליסקא ווערט פאַר'יתומ'ט

אנקומענדיג קיין ליסקא האבן די נאציס גלייך צוזאמגענומען די אידישע איינוואוינער און יעדן אריבערגעפירט צום געטאָ אין אוהעל, וואו מען האָט צוזאַמגעברענגט אידן פון די גאַנצע אומגעגנט. דער תלמיד פונעם שערי הישר, ר' שמואל גאלדשטיין ז"ל שילדערט אין זיין ספר הזכרונות פון ליסקא וויאזוי עס האט אויסגעקוקט יענער טרויעריגער מאמענט ווען מען האט אריינגעפירט ליסקא אידן אין געטא, ווי פאלגנד:

"מיט אַ צעבראָכן האַרץ און ביטערע טרערן אין די אויגן, קוק איך און זע, בדמיוני, דעם טויט-מאַרש פון דער ליסקער קהלה. איך זע פונדערווייטנס ווי מ'פירט מיין הייליגן רבי'ן, דעם שערי הישר, מיט זיין קהלה און ישיבה אינאיינעם. און דער צדיק, דער רעיא מהימנא, גייט פאָרנט פון די שעפעלעך, זיינע צאן קדשים, ווי אַן עמוד האש, אַ ברענעדיגער מלאך, געברענט פאר אידישקייט, געברענט אין יוגנט, געברענט אוויף דער עלטער, געברענט מיט התלהבות און היץ, געברענט און געברענט ביז אין טויט אַריין געברענט...

"ער גייט באַגלייט פון דער גאַנצער קהלה, קליין און גרויס, מיט מסירות נפש צום אכזריות'דיגן טויט, וויינענדיג און טאנצנדיג מיט דער ישיבה צוזאַמען, ווי אומשולדיגע קרבנות, עולות תמימות אין די אוישוויצער קאַלעך-אויווענעס אַריין...



צבי הירש בהגה"צ מוהרי"ה זצ"ל
אבדק"ק ליסקא יע"א
ב"ה

אין דעם דאָזיגן געדיכטן שוואַרן רויך איז אַרויף מיין רבינ'ס נשמה אויך. יתגדל ויתקדש שמי' רבא.

"מיר האָבן נישט געקענט מלוה זיין, באַגלייטן זיין הייליגן גוף צו דעם ליסקער בית הקברות, ווייל וואו ער איז אומגעבראַכט געוואָרן איז גאָר קיין בית הקברות געווען. קיינער איז דאָרט נישט געקומען צו קבר ישראל, נאָר געוואָרן אַש, צעזייעטע און צעשפּרייטע דורך ווינטן צווישן ערד און הימל.

"פאַר'יתומ'ט איז דער ליסקער הויז, קיין שטיין, אפילו אַלץ סימבאָל, אַלץ ציון, האָט מען אויך נישט געשטעלט פאַר'ן רבי'ן. ער ליגט נישט אין אוהל מיט זיין הייליגן טאַטן און זיידן. דער אוהל אַליין וויינט און קלאָגט, געבליבן פאַרלאָזט, פאַרוואַקסן מיט גראָז, אַלעס פוסט, אָן פענסטער און גלאָז, קיין קינדער דאָרט, קיין קהל, קיין שמש, קיין היטער, - אַלעס, אַלעס צעלאָפּן פון דער בלוטיגער ערד. עס איז אפילו נישטאָ וואו אהין צו שטעלן א מצבה פאַר מיין רבי'ן."

# דאָס גלעזעלע הבדלה וויין אויפ'ן באַן קיין אוישוויץ

זייענדיג אין געטאָ האָט דער שערי הישר ווייטער געפירט זיין עבודת הקודש ווי ווייט מעגליך. ער האט געפראַוועט שלש סעודות און געזאָגט תורה בהתעוררות גדול. איינמאָל האָט ער נאָכגעזאָגט פון הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע אַז "פאַר משיח צדקינו וועט קומען וועט זיין אַ תקופה וואָס נישט נאָר וועלן נישט זיין קיין תשובות אויף די שאלות, נאָר מען וועט אפילו נישט וויסן וויאַזוי צו פרעגן שאלות".

דער שערי הישר האָט אין געטאָ ווידער געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו ראַטעווען, ווייל מען האָט געשיקט אַן אונגאַרישן אָפיציר מיט גלחישע קליידער אים אַרויסצונעמען פון געטאָ. ער האָט אבער נישט געוואָלט גיין, נישט וועלנדיג איבערלאָזן זיין משפחה און זיין קהלה.

סוף חודש אייר ווען ס'איז אָנגעקומען דער ביטערער טאָג און מען האָט דעפּאָרטירט דעם שערי הישר, צוזאַמען מיט כמעט זיין גאַנצע משפחה, קינדער און אייניקלעך, קיין אוישוויץ, איז דער שערי הישר נישט אַרויף אויפ'ן וואַגאָן איידער ער האָט זיך געגרייט מיט אַ הכנה דרבה קדושה ונוראה. בעת אַנדערע האָבן פרובירט אַרויפצושמוגלען אויפ'ן באַן פאַרשידענע לעבנס-וויכטיגע חפצים, האָט דער שערי הישר מיטגענומען אויפ'ן וועג בלויז צוויי זאַכן: 1) תכריכים און 2) אַ פלעשל וויין פאַר קידוש והבדלה.

דער באן איז אנגעקומען אין אוישוויץ שבת צופרי און דער ליסקער רבי זצ"ל האָט נאָך געמאַכט קידוש אויפ'ן וויין, אבער מען האָט קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט פון באַן ביז נאָכמיטאָג (ווייל פילע באַנען זענען אָנגעקומען פריער יענעם טאָג). אינמיטן טאָג זענען די קליינע קינדער אויפ'ן באַן געוואָרן זייער דורשטיג, האָט דער ליסקער רבי אַרויסגענומען דאָס פלעשל וויין פון טאַש און זיי געגעבן צו טרינקען, זאָגענדיג "מען וועט דאָס שוין סייווי מער נישט דאַרפן". וכך הוה, ווען מען איז אַרויסגעקומען פון באַן האָט מען זיי גלייך גענומען צו די גאז קאמערן.

גלייך ביים אויסשטייגן האָט דער ליסקער רבי זיך גלייך זיך געגומען גרייטן צום גיין על קידוש השם בדחילו ורחימו. ער איז געשטאַנען פעלזן פעסט מיט הייליגע מחשבות און מחזק געווען די אַרומיגע אידן מען זאָל זיך נישט מייאש זיין ח"ו ביז די לעצטע רגע. שטייענדיג אין די רייע אַריינצוגיין צו די גאַז קאַמערן האָט ער זיך אָנגערופן הויך צו די אַרומיגע "אין די לעצטע רגעים פון אַ מענטש קלוגט זיך דער יצר הרע אים איבערצורעדן מען זאָל זיך חלילה אָפּרייסן פון הקב"ה. דעריבער דאַרף זיך יעדער יעצט שטאַרקן צו בלייבן ביי די ריינע אמונה ביז צום לעצטן אָטעם".

אינעם טאָג "זך" אייר, תש"ד האָט דער ליסקער רבי אויסגעהויכט זיין נשמה "זך וטהור" אין אוישוויץ, צוזאַמען מיט זיינע דריי הייליגע קינדער, ר' שמעון, ר' חיים און ר' אברהם זצ"ל און זייערע משפחות הי"ד.

מיט רחמנות פון השי"ת זענען עטליכע פון זיינע קינדער און אייניקלעך ניצול געווארן, צווישן זיי זיין זון כ"ק הגה"צ רבי יוזפא פריעדלענדער זצוק"ל וועלכער האט ממשיך געווען מיט אדמורו"ת ליסקא, ביז זיין הסתלקות אין עלטער פון 53 יאר ביום כ"ח שבט תשל"א. זיין חשוב'ער זון כ"ק אדמו"ר הגה"צ רבי צבי הירש פריעדלאנדער שליט"א דער ליסקער רבי, וועלכער הייסט נאכ'ן זיידן דער ליסקער רבי'ן בעל שערי הישר מליסקא זצ"ל הי"ד, איז ממשיך במסורת אבותיו הקדושים.

ולסיים מעין הפתיחה, צום ציון פונעם שערי הישר קען מען טאַקע ליידער נישט פאָרן, "ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה". אבער דער געפיל איז אַז ביים ציון הקדוש און ליסקא, דאָס אָרט וואו דער שערי הישר זצ"ל האָט "גערוקט ווענט" צו מאַכן פלאַץ פאַר זיין טאַטן דעם טל חיים זצוק"ל, אז איצט ווען דער מקום קדוש איז אַריבער געגאַנגען אונטער קהלה קדושה ליסקא וועט זיין "מה כאן עומד ומתפלל אף שם עומד ומתפלל"; ער וועט זיכער אויך אויבן אין הימל "רוקן ווענט" צו פועל'ן ישועות ורפואות פאר אידישע קינדער און די גאולה שלימה בקרוב.